## דער רעוואלוציע-חידוש

### להבנת הלימוד בעולם התתי״ם:

# מלאכת מחשבת

אינה דומה שמיעה לראיה



זען מיט די אייגענע אויגן, טאפן מיט די אייגענע הענט

## דער אמאליגער מציאות

אזוי קלאר און דייטליך!

געאייגענט פאר כתה ו' ז' ח' און העכער

# עיננו ראו...
# זעט מיט די אייגענע אויגן!

## די פארשטעלונג

### - העכסט אינטערעסאנט -

מיר קומען אראפ צו אייך אין מוסד / קעמפ / אבות ובנים וכדומה, מיר ברענגען אראפ די פארשידענע אלטע כלים און מיר שטעלן דאס צו פאר אלע קינדער, אז זיי זאלן קענען אליינס ארומארבעטן מיט אלעס, און זיי ווערן דערנאך ערלויבט אהיימצונעמען דאס וואס זיי האבן אליין מצליח געווען צו מאכן 'מיט די אייגענע הענט'.

## דער לימוד

### - זייער געשמאק און תוכן'דיג -

די קינדער'ס ארבעט דערמיט איז נישט ווי סתם אן ארטס-און-קרעפטס אונטערהאלטונג נאר א תוכן'דיגע לימוד, ווען זיי קענען מיט די אייגענע הענט ארומארבעטן אויף יעדע זאך, אז ווען ער לערנט פון דעם נושא, די כלי, וועט דאס אים אין מוח ארויפשווימען מיטן קלארן פארשטאנד אלס עפעס וואס "איך האב שוין אליין געמאכט!"

## די תוכן

### - קלאר און באלערנד -

מיר האבן שוין ביז-דערוויייל מצליח געווען אהערצושטעלן די כלים און מציאות'ן פאר די פאלגענדע וויכטיגע סוגיות און ענינים: סידורא דפת - לויט די ל"ט מלאכות | די דרייצן מלאכות אין הלכות שבת פון צמר | די שיעורים פון די תורה ווי לוג, כזית, אד"ג | קניפן ציצית | און נאך.

אין קורצע ווערטער:

# 'מלאכת מחשבת' - מהו, ומה חידושה?

אונזער געוואלדיגער '**מלאכת מחשבת פראגראם**' איז אן אויפטוה וואס יעדע מלמד דארף געוויס גלייך באגרייפן איר וויכטיגקייט און באדייטנדקייט, ווען עס קומט **להבנת הלימוד** פאר די עלטערע קינדער / יונגע בחורים'לעך [אדער אפי' עלטערע...].

פארוואס? ווייל דאס האב איך באשיינפערליך אליין אנערקענט, טאקע אין מיין עבודת הקודש פון מלומדת. עס איז אויסגעקומען זיך כסדר צו באגעגענען מיטן פראבלעם אז ווען מ'האט גערעדט פון עפעס וואס באציהט זיך צום **מציאות פון אמאל - וואס איז שוין היינט אנדערש** און די דעמאלס'דיגע פאקטן זענען שוין מער נישט בנמצא, איז עס ביי די תלמידים געווען ווי א פרעמדע זאך, א ווייטע מציאות, וואס האט זיי שטארק פארשווערט דאס גרינטליך פארשטיין און ארויסהאבן וואס מ'וויל זיי ערקלערן.

עס האט זיך איינמאל און נאכאמאל אויפגעוויזן אז פאר די קינדער איז פיל שווערער אין מוח זיך צו באציען צו עפעס וואס זיי קענען נישט, זיי האבן דאס נישט אין קאפ ווי עפעס וואס זיי זען מיט די אויגן במציאות.

**בסייעתא דשמיא האב איך זיך ארייגעלייגט צו בויען 'א בריק' פון אמאל צו היינט, דורך אהערשטעלן במציאות די באגריפן, די כלים, די שיעורים, אא"וו פונעם אמאל, אז ס'זאל ביי די קינדער טאקע זיין עפעס וואס זיי זען, טאפן, און אבזערווירן מיט די אייגענע אויגן.**

> טייערע מלמדים, חשובים ויקרים! ווען איר טרעפט זיך ביי א סוגיא, אין גמרא, אין משניות, אין הלכה, און איר שפירט אז איר דארפט האבן די כלים פאר די תלמידים דאס בעסער מסביר צו זיין - וועט מלאכת מחשבת זיין אייער לעזונג בסייעתא דשמיא!

אין די זעלבע צייט איז דער פראגראם בכלל א העכסט-אינטערעסאנטע, פאר סיי-וועם, סיי-ווען. מ'ווערט דערפון אריינגעפירט אין אן אמאליגן אטמאספער, מ'זעטיגט זיך אן פון די פילע ידיעות, און מ'ווערט איבערראשט פון די אלע דעטאלן וועלכע ווערן פארגעשטעלט, פראפעסיאנאל און געשמאק.

**שטארק-רעקאמאנדירט פאר מוסדות, קעמפס, אבות ובנים, אד"ג!**

*די תלמידים וועלן דאס גוט געדענקען, און אייך אייביג דערויף דאנקבאר זיין!*

## יראו עינינו וישמח ליבנו:

# זעט מיט די אייגענע אויגן!












מלאכת מחשבת

אינה דומה שמיעה לראיה

## ביים אויסשפילן מלאכת ליבן / ניפץ / צביעה / טווי-ה

**מ'טוט אייגענטליך זען מיט די אייגענע אויגן און ארבעטן מיט די אייגענע הענט**
**אויף די אמאליגע כלים מיט די ריכטיגע אביעטן**













מלאכת מחשבת
אינה דומה שמיעה לראיה

די מיטהאלטער זיצן געשפאנט און ארבעטן אויס אויף א קאלירפולן פארנעם
נאך פילע תורה'דיגע עניינים און מושגים!


טווה


טווה


חורש


מלבן


קוצר


מנפץ


עושה שני בתי נירין


דש


צובע


אורג


זורה

מלאכת מחשבת
אינה דומה שמיעה לראיה

# וואס וועט בלייבן איינגעקריצט
# בלב התלמידים לאורך ימיהם!!!

















מלאכת מחשבת
אינה דומה שמיעה לראיה

איך האב געהאט ר' חיים ישעי
ביי מיר אין דעי קעמפ דעם
פארגאנגענעם זוממער, פאר זעקס
שעה,
די קינדער האבן זיך נישט געקענט
גענוג אנזעטיגן,
זיי האבן געהאלטן אין איין
צאמשטעלן די ארבעט וואס זיי
טוען, מיט די לימודים וואס זיי האבן
געלערנט,
די קינדער זענען געווען אזוי
ארייגעטוען אז זיי האבן נישט
באמערקט ווי די שעות רוקן זיך,

שטארק מומלץ פאר חדרים,
ישיבות, און אפילו אינגעלייט,

*יוסף פראמאוויטש*
ראש המדריכים
קלויזנבורג דעי קעמפ ב"פ

---

איך האב איהם געהאט דעם זוממער אין קעמפ פאר פינף
שעה, ער איז געווען געוואלדיג גוט,
די בחורים האבן וואכן שפעטער נאך גערעדט דערפון,
און ביי געוויסע לימודים זיך געטראפן פארשטיין מיט א
קלארקייט,

*אברהם חיים שפיטצער*
מנהל ת"ת פאפא בארא פארק

---

דער פראגראם איז עפעס גאר גאר גאר גאר אן
איטערסאנטע אין אינהאלטרייכע פראגראם. ער האט ביי מיר
געהאלטן די קינדער געשפאנט אין זיין געמאכט טוהן האנט
ארבייט פאר איבער 4 שעה!!
ער קאנטראלירט דין עולם אליינס... איבער 100 קינדער
אויפאמאל...
עס איז נישט סתם ארטס אין קרעפטס , עס איז זייער תוכן'דיג
און לערנט זיי א געוואלד מיט זאכן פאר די תורה'דיגע לעבן

*ל.ג.*
מנהל ת"ת ב'מאנסי

---

**פאר מער פרטים און צו באשטעלן ביטע רופט:**

# 347.696.1314

shabbos39@gmail.com

*חיים ישעי' לייטנער*